STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07739

GEZANG BUKH FAR DER ELEMENTAR-SHUL

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געזאַנג בוך

פאַר דער עלעמענטאַר־שול

צונויפגעשטעלט פון

מיכל געלבאַרט

פאַרלאַג
ארבעטער רינג
ביי דעם
בילדונגס־קאָמיטעט
פון
אַרבעטער־רינג

פאָרוואָרט

געזאַנג האָט תמיד פאַרנומען אַ זייער אָנגעזען אָרט אין אונ־דזערע שולן. אונדזערע קינדער־כאָרן פלעגן אַלע מאָל באַשיינען די עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען פון אונדזער שול. אָבער ניט לשם דעקאָראַציע אַליין האָבן מיר געהאַט דעם לימוד אין אונדזער שול, נאָר אויך ווײַל מיר זײַנען געווען פאַראינטערעסירט אַז דאָס קינד זאָל קענען ייִדישע פאָלקס־ און אַרבעטער־לידער און אויך הנאה האָבן פון ייִדישע ניגונים.

דאָך האָבן מיר דעם לימוד, ביז ניט לאַנג, ניט געשאָנקען די אויפמערקזאַמקייט וואָס ער פאַרדינט. די לאַנג־יאָריקע שול־דער־פאַרונג האָט געוויזן אַז ייִדישע נגינה איז אַ גוטער מיטל ווי אַזוי לעבעדיק צו מאַכן די ייִדישע שפּראַך אין קינדס מויל. דאָס ייִדישע ליד באַקענט דאָס קינד מיט דער ייִדישער פאָלקס־נשמה, מיט ייִדישע פרייד און האָפענונגען, מיט ייִדישן צער און אומעט.

כּדי צו פאַראייניהייטלעכן דעם געזאַנג־לימוד אין אונדזערע שולן, כּדי אײַנצושטעלן אַ סדר אין דעם לימוד, האָבן מיר די לעצטע עטלעכע יאָר אַרויסגעגעבן ספּעציעלע לידער־ביכלעך פאַר דער שול, באַגלייט מיט נאָטן.

דאָס איצטיקע ביכל גיבן מיר אַרויס אויף דער אויפפאָדערונג פון דער געזאַנג־קאָמיסיע בײַ אונדזער ניו־יאָרקער לערער־ראַט. עס ציכנט זיך אויס פון די פריערדיקע ביכלעך מיט דעם, וואָס עס אַנטהאַלט לידער צוגעפּאַסט פאַר אַלע פיר יאָר פון דער עלעמענטאַר־שול און אויך פאַר דעם פאַרשיידענעם עלטער פון די קינדער. צוזאַמענגעשטעלט האָט דאָס ביכל מיכל געלבאַרט אונטער דער רעדאַקציע פון דער געזאַנג־קאָמיסיע.

מיר זײַנען איבערצייגט, אַז די 60 לידער מיט נאָטן, וואָס געפינען זיך אין דעם ביכל, וועלן אַ סך אַרויסהעלפן צו נאָרמאַליזירן אויף אַ געהעריקן אופן דעם געזאַנג־לימוד אין אונדזערע שולן.

נ. כאַנין

בילדונגס־דירעקטאָר אַרבעטער־רינג

צו די לערער

זינט די יידיש־וועלטלעכע שול איז אויפגעקומען, האָבן מיר באַוויזן צו שאַפן טעקסט־ביכער פאַר אַלע לימודים — אויסער פאַר געזאַנג. כאָטש געזאַנג איז אַ וויכטיקער לימוד אין אונדזערע שולן. זאָל דאָס דאָזיקע **געזאַנג־בוך** זיין דער ערשטער פּרוּוו פון אַ טעקסט־בוך פאַר פיר יאָר עלעמענ־טאַר־שול.

מיר האָבן זיך געמיט אַריינצונעמען אַזעלכע לידער, וועלכע זאָלן זיין צוגעפּאַסט צום געמישטן עלטער פון די קינ־דער, צום גייסט און כאַראַקטער פון אונדזער שול און ווי ווייט מעגלעך זאָלן די לידער זיין פאַרבונדן מיט די אַלגעמיינע לימודים. פון די הונדערטער לידער, האָבן מיר אויסגעקליבן אַ צאָל לידער, וואָס קינדער זאָלן זיי ליב האָבן צו זינגען.

*

עטלעכע אָנווייזונגען: פאַר יעדן זמן האָבן מיר געגעבן צען לידער. מיינט עס ניט, אַז מען מוז זינגען דורכויס די צען לידער. עס ווענדט זיך אין דעם עלטער און אויפנעם־פעאיקייט פון די קינדער. יעדע שול האָט זיך אירע באַזונדערע באַדינגונגען. צען לידער און אַ 5—6 יום־טוב־לידער זיינען איבערגענוג פאַר איין זמן.

מיר האָבן די מוזיק אַראַנזשירט בלויז אויף צוויי ליניעס און אַזוי לייכט ווי מעגלעך. די מעלאָדיע געפינט זיך שטענדיק אויף דער אייבערשטער ליניע, רעכטע האַנט. דאָרט וואו עס זיינען פאַראַן קלענערע נאָטן אין דער רעכטער האַנט, האָט עס מיט דער מעלאָדיע גאָרנישט צו טאָן.

טעמפּאָ און כאַראַקטער זיינען באַצייכנט מיט דער מוזיקאַלישער טערמינאָלאָגיע און אויך אין יידיש. די ווערטער אונטער די נאָטן האָבן מיר געשריבן מיט לאַטיינישע אותיות, כדי סיי די נאָטן און סיי די ווערטער זאָלן זיך לייענען פון לינקס צו רעכטס

אין די מערסטע קינדער־לידער זיינען פאַראַן אַ סך סטראָ־פעס צו דער זעלביקער מעלאָדיע — חזרט מען איבער די ווייַ־טערדיקע סטראָפעס מיט דער ערשטער מעלאָדיע. אונטער די נאָטן האָט מען מער ווי איין טעקסט ניט געקענט שטעלן.

אַ ליד קען מען געפינען נאָכן נומער. דעם זעלביקן נומער וואָס מען זעט לעבן אַ ליד אין דעם אינהאַלט, געפינט מען איבער די ווערטער און איבער דער מוזיק.

איידער מ׳הייבט אָן איינזינגען אַ ליד, דאַרף מען זען, אַז די קינדער זאָלן פאַרשטיין יעדער וואָרט.

געזונגענע לידער געדענקען זיך. אויב די קינדער וועלן אויסלערנען און קענען אויסנווייניק נישט מער אפילו ווי פינף לידער אַ זמן — וועלן זיי קענען אַ היפּשע צאָל יידישע ווער־טער. הכלל, עס איז וויכטיק, אַז אַלע שולן זאָלן זינגען און די שולן דאַרפן זען, אַז אַלע קינדער זאָלן זינגען.

זאָלן די לערערס זען, אַז יעדער קינד זאָל האָבן אַזאַ געזאַנג־בוך.

מיכל געלבאַרט

דאָס ערשטע יאָר

א. פּלאַטנער

1.—אין שול אַרײַן

גייען מיר אין שול אַרײַן,
שײַנט די זון אַנטקעגן ;
פֿרייד און ליכט און זונען־שײַן
איבער אַלע וועגן.
טראַ־לאַ־לאַ — — — —

טרעטן מיר אין זונען־שײַן,
איבער אַלע וועגן ;
גייען מיר אין שול אַרײַן,
שײַנט די זון אַנטקעגן.
טראַ־לאַ־לאַ — — — —

2.—אַרײַן און אַרויס די פֿענצטער
(ש פּ י ל)

אַלע : גיי אַרײַן און אַרויס די פֿענצטער (3)
וויי דו האָסט פֿריִער געטאָן.

סאָלאָ : גיב אַ האַנט און זאָג דו ליבסט מיך (3)
וויי דו האָסט פֿריִער געטאָן.

אַלע : גיי אַרײַן און אַרויס אאַז״וו.

סאָלאָ : גיב אַ גלעט און זאָג דו ליבסט מיך (3)
וויי דו האָסט פֿריִער געטאָן.

אַלע : גיי אַרײַן און אַרויס אאַז״וו.

אַלע : גיב אַ קוש און זאָג דו ליבסט מיך (3)
וויי דו האָסט פֿריִער געטאָן.

אַלע : גיי אַרײַן און אַרויס אאַז״וו.

(די קינדער שטעלן זיך אין אַ רעדל, אויסגעשפּרייט, האַלטן זיך בײַ די הענט, וואָס זײַנען אויף אַרויף, אַז מ׳זאָל קענען לײַכט דורכגיין צווישן איין קינד און צווייטן. איין קינד שטייט אין מיטן. ווען אַלע הייבן אָן זינגען, גייט דאָס קינד פֿון מיטן אַרײַן און אַרויס, אַרײַן און אַרויס ביז עס שטעלט זיך אָפּ אין רעדל בײַ אַ קינד, דערלאַנגט דעם קינד די האַנט און זינגט סאָלאָ. יעמאָלט גייען ביידע קינדער אַרײַן און אַרויס אאַז״וו.)

3.—מוזיקאַנטן
(שפּיל)

סאָלאָ: איך בין אַ גוטער מוזיקאַנט,
איך קום פֿון פֿריילעך לאַנד.

אַלע: ער איז אַ גוטער מוזיקאַנט,
ער קומט פֿון פֿריילעך לאַנד.

סאָלאָ: איך שפּיל זיסע לידער
אויף מײַן שיינער פּיאַנאָ.

אַלע: פּיאַנאָ, צימבל-בימבל-בימבל
פּיאַנאָ, צימבל-בימבל-בימבל
פּיאַנאָ, צימבל-בימבל-בימבל, באָם!

***

סאָלאָ: איך בין אַ גוטער מוזיקאַנט,
איך קום פֿון פֿריילעך לאַנד.

אַלע: ער איז אַ גוטער מוזיקאַנט,
ער קומט פֿון פֿריילעך לאַנד.

סאָלאָ: איך שפּיל זיסע לידער
אויף מײַן שיינער בענדזשאָ.

אַלע: בענדזשאָ דינגל-דינגל-דינגל
בענדזשאָ דינגל-דינגל-דינגל
בענדזשאָ דינגל-דינגל,דינגל, דאַנג!

(די קינדער שטעלן זיך, אָדער זעצן זיך אויס אין אַ גלײַכער ליניע. ווען די קינדער זינגען „פּיאַנאָ-צימבל”, אָדער „בענדזשאָ-דינגל”, דע־מאָנסטרירן זיי דורך באַוועגונג דעם דערמאָנטן אינסטרומענט. מ׳קען צוגעבן נאָך אינסטרומענטן.

מיכל געלבאַרט

4.—אַרבעט

מיטן זעגעלע: זעג, זעג, זעג!
מיטן העמערל: קלאַפּ, קלאַפּ, קלאַפּ!
מיטן הובלע: הוב, הוב, הוב.
בויען קינדערלעך זיך אַ שטוב.
פּאַטשן הענטלעך: פּאַטש, פּאַטש, פּאַטש!
טופּן פֿיסלעך: טופּ, טופּ, טופּ!
פּאַטשן הענטלעך, טופּען פֿיס,
אַרבעט מאַכט דאָס לעבן זיס.

מ. מ. וואַרשאַווסקי

5.—אויפֿן פּריפּעטשאָק

אויפֿן פּריפּעטשאָק ברענט אַ פֿײַערל
און אין שטוב איז הייס ;
און דער רבי לערנט קליינע קינדערלעך
דעם אלף-בית :

זעט-זשע קינדערלעך, געדענקט-זשע, טײַערע,
וואָס איר לערנט דאָ.
זאָגט-זשע נאָך אַ מאָל און טאַקע נאָך אַ מאָל :
קמץ אלף — אָ.

ווען איר וועט, קינדערלעך, עלטער ווערן,
וועט איר אליין פֿאַרשטיין,
וויפֿיל אין די אותיות ליגן טרערן
און וויפֿיל געוויין.

זעט-זשע, קינדערלעך אאז"וו.

ש. צעסלער

6.—אַ פֿידלער

ס'האָט דער טאַטע פֿון יאַרידל
מיר געבראַכט אַ נײַע פֿידל.
דאָ-רע-מי-פֿאַ-סאָל-לאַ-סי,
דאָ, דאָ, סי, לאַ, סאָל, פֿאַ, לאַ.

כ'האַלט דאָס קעפּל אָנגעבויגן
און פֿאַרגלאָץ די בײדע אויגן ;
דאָ-רע-מי-פֿאַ-סאָל-לאַ-סי,
דאָ, דאָ, סי, לאַ, סאָל, פֿאַ, לאַ.

רעכטן פֿוס פֿאָרויס אַ ביסל,
קלאַפּ דעם טאַקט צו מיטן פֿיסל :
דאָ-רע-מי-פֿאַ-סאָל-לאַ-סי,
דאָ, דאָ, סי, לאַ, סאָל, פֿאַ, לאַ.

קוועלט און וואונדערט זיך די מאַמע :
— „קענסט דאָך אַזוי גוט די גאַמע."
דאָ-רע-מי-פֿאַ-סאָל-לאַ-סי,
דאָ, דאָ, סי, לאַ, סאָל, פֿאַ, לאַ.

בראָדערזאָן

7.—ציפּעלע

עס האָט די קליינע ציפּעלע
פֿאַרביסן זיך אַ ליפּעלע...
— „אוי, ציפּעלע, וואָס וויינסטו?
אַן עפּעלע — דאָס מיינסטו?"
— „אוי, ניין, ניין, ניין, ניין!
ווער זאָגט עס, אַז איך וויין?"

עס האָט די קליינע ציפּעלע
פֿאַרקניפּט דאָס מויל אַ קניפּעלע.
— „אוי, ציפּעלע, וואָס וויינסטו?
צוויי עפּעלעך — דאָס מיינסטו?
— „אוי, ניין, ניין, ניין, ניין!
ווער זאָגט עס, אַז איך וויין?"

און ס'טרייסלט זיך איר קעפּעלע,
צוזאַמען מיט איר צעפּעלע.
— „אוי, ציפּעלע, וואָס וויינסטו?
דרײַ עפּעלעך — דאָס מיינסטו?
— „אוי, ניין, ניין, ניין, ניין!
איך וויל אַ קוש — נישט מיין."

פֿאָלקסליד

8.—ליבער זומער

קומט דער זומער,
שפּילן מיר אין זאַמד;
וואו ס'איז אונדזער וואוינונג
דאָרט איז אונדזער לאַנד.

שוואַרצע קאַרשן רײַסן מיר,
רויטע לאָזן מיר שטיין;
גוטע קינדער נעמען מיר,
שלעכטע לאָזן מיר גיין.

מ. בראָדערזאָן

9.—מאַרש־ליד

איינס און צוויי און דרײַ און פֿיר,
וואָס מיר זײַנען, זײַנען מיר.
כאָטש מיר זײַנען יונג און קליין,
ווי די העלדן דאַרף מען גיין.

א פּיסל, איבער א פּיסל,
און שטייפער, שטייפער א ביסל.
שפּאַן, שפּאַן שטאָלץ און זיכער,
די קעפּלעך העכער, העכער!

פינף און זעקס און זיבן און אכט,
ניט געוויינט און ניט געלאכט.
ניט געשטאַנען, נאָר ניט שטיין,
ווי די העלדן דאַרף מען גיין.
א פּיסל, איבער א פּיסל, אאז״וו.

פאָלקסליד

10.—שרהלע

שרהלע איז אין וואלד אוועק, וועק, וועק,
רייסן בלומען א בוקעט, קעט, קעט,
אין וואלד א פייגעלע צו איר, איר, איר,

מאכט דאָס פייגעלע טשיר, טשיר, טשיר.
זאָג־זשע, פייגעלע דו מיין, מיין, מיין.
וויפיל וועט מיין לעבן זיין, זיין, זיין?
זעכציק, אכציק, הונדערט יאָר, יאָר, יאָר.
א דאנק דיר, פייגעלע, ביז גאָר, גאָר, גאָר.

דאָס צווייטע יאָר

ש. צעסלער

11.—מיר קומען אָן

מיר קומען אָן, מיר קומען אָן,
מיר שפּאַנען פריילעך און מאַרשירן.
הויך פלאַטערט אונדזער העלע פאָן,
די פאָן פון לערנען און שטודירן.
און ריטמיש קלאַפּן טריט אין גאַנג,
און הילכיק קלינגט אונדזער געזאַנג,
ס׳מאַרשירט אין ריי, מאַרשירט אין ריי,
די יונגע שול — די שול־אַרמיי.

מיר קומען אָן מיט העלער פרייד,
מיר טראָגן גלויבן, מוט און האָפן.
עס ציט פאַרויס די שילער־קייט,
פון מזרח, מערב, דרום, צפון.
און ריטמיש קלאַפּן טריט אין גאַנג, אאז״וו.

אַברהם רייזען

12.—די נײַע צײַט

און זאָל ווי ווײַט
נאָך זײַן די צײַט
פֿון ליבע און פֿון שלום,
דאָך קומען וועט,
צי פֿרי, צי שפּעט,
די צײַט — עס איז קיין חלום.

איך הער דאָס ליד
פֿון ליבע, פֿריד,
די מעכטיקע געזאַנגען;
און יעדער טאָן
פֿון ליד זאָגט אָן:
די זון איז אויפֿגעגאַנגען.

עס עקט די נאַכט,
דער טאָג דערוואַכט,
פֿול האָפֿנונג, לוסט און שטרעבן;
דו הערסט אין לופֿט,
אַ שטימע רופֿט —
צו מוט און קראַפֿט און לעבן.

אַברהם רייזען

13.—מלחמה

— „אָ, מאמע, כ׳וויל אַ ביסל מילך,
ס׳איז טרוקן מיר מײַן גומען.״

— „מײַן קינד, אַ בייזער פּאַסטעך האָט
די אַלע קי פֿארנומען.״

— „אָ, גיב מיר, מאמע, ברויט אַ ביס,
דעם הונגער מיר צו שטילן.״
— „נישטאָ, מײַן קינד. אַ וואַסער האָט
פֿאַרטרונקען אַלע מילן.
אַ וואַסער — ווילד, אַ וואַסער — רויט
האָט זיי אַראָפּגעטראָגן.
און אַלע מילנער זײַנען איצט
אַוועק אין פֿעלד זיך שלאָגן.״

— „טאַ וואו־זשע איז דער טאַטע איצט,
ער זאָל אונדז עסן קריגן?״

— „דער טאַטע איז אַוועק מיט זיי
אַ שונא צו באַזיגן.״

(די צווייטע 4 שורות זינגען זיך ווי די ערשטע 4
און די לעצטע 4 — ווי די שורות פֿון 9 ביז 12.)

מאַני לייב

14.—ייִדיש

די וועלט איז פֿול מיט רעדן,
עס רעדט דאָך יעדע זאַך.
און יעדער אויף זײַן שטייגער,
און יעדער אויף זײַן שפּראַך.

און ייִדן רעדן ייִדיש,
אין אַלע, אַלע עקן וועלט,
אין אַפֿריקע אין הייסער
און אין סיבירער קעלט.

און ייִדן רעדן ייִדיש,
ווײַל ייִדיש איז דאָך שיין,
איז גרינג אַ צווייטן ייִדן
פֿאַרשטיין ווי זיך אַליין.

און ייִדן רעדן ייִדיש,
אין אַלע, אַלע עקן וועלט,
אין אַפֿריקע אין הייסער
און אין סיבירער קעלט.

מאַני לייב

15.—וואונדער

וואונדער איבער וואונדער,
אומעטום אין אַלץ!
אין אונדזער ברויט דעם שוואַרצן,
אין אונדזער ווײַסן זאַלץ.

און אין דעם בלויען וואַסער
וואָס שטילט דעם דאָרשט אונדז אײַן,
און אין דעם רויטן פֿײַער
וואָס וואַרעמט אונדז מיט שײַן.

און אין דעם קינדס געלעכטער
וואָס הילכט פֿון מאַמעס שויס,

און אין די קליינע קינדער
וואָס וואַקסן גרויסע אויס.

אָ, וואונדער איבער וואונדער,
וואונדער אָן אַ שיעור,
און פֿון די אַלע וואונדער,
קינדער, זינגען מיר.

י. גויכבערג

16.—דרײַ ייִנגעלעך

די מאַמע האָט דרײַ ייִנגעלעך,
דרײַ ייִנגעלעך געהאַט,
מיט ווייכע, רויטע בעקעלעך,
ווי צאַרטער סאַמעט גלאַט.
האָט איינס געהייסן בערעלע,
דאָס צווייטע — חיים־שמערעלע,
דאָס דריטע האָט געהייסן —
מען זאָל אים קויפֿן שיך...
איך האָב אײַך אָפּגענאַרט!
איך האָב געוואוסט איר וואַרט...
דאָס דריטע, קליינע ייִנגעלע —
דאָס דריטע, דאָס בין איך.

די מאַמע האָט דרײַ ניסעלעך
פֿון דעם יאַריד געבראַכט,
דרײַ גוטע, פֿעטע ניסעלעך,
דרײַ ניסעלעך אַ פּראַכט.
איז איינס געווען פֿאַר בערעלען
און איינס פֿאַר חיים־שמערעלען
און גאָר דאָס בעסטע ניסל —
האָט זי געלאָזט פֿאַר זיך.
איר וואונדערט זיך אַ ביסל,
פֿאַר וואָס ניט מיר אַ ניסל?
ווײַל ניסן, ניסן, ניסעלע,
דאָס דריטע — דאָס בין איך!

פֿאָלקסליד

17.—אַלע ברידער

און מיר זײַנען אַלע ברידער,
אוי, אוי, אַלע ברידער,
און מיר זינגען פֿריילעך לידער,
אוי, אוי, אוי!

און מיר האלטן זיך אין איינעם,
אוי, אוי, זיך אין איינעם.
אזעלכעס איז נישטאַ בײַ קיינעם —
אוי, אוי, אוי!

און מיר זײַנען אלע אייניק,
אוי, אוי, אלע אייניק.
צי מיר זײַנען פֿיל צי ווייניק —
אוי, אוי, אוי!

און מיר ליבן זיך דאָך אלע,
אוי, אוי, זיך דאָך אלע.
ווי אַ חתן מיט אַ כּלה —
אוי, אוי, אוי!

און מיר זײַנען פֿריילעך, מונטער,
אוי, אוי, פֿריילעך, מונטער.
זינגען לידער, טאַנצן אונטער —
אוי, אוי, אוי!

און מיר זײַנען אלע ברידער, אאז״וו.

ז. ווײַנפּער

18.—איינס און צוויי

איינס און צוויי, איינס און צוויי,
איינס און צוויי איז דרײַ.
זון באַהעלט אונדזער וועלט,
לעבן איז כּדאַי.

זום־זום־זום, זום־זום־זום
פֿרעגט בײַ מיר אַ פֿליג.
טראַ־לאַ־לאַ, טראַ־לאַ־לאַ
ענטפֿער איך צוריק.

דרײַ און פֿיר, דרײַ און פֿיר,
פֿיר און פֿיר איז אַכט.
אויפֿן קאַרק פֿון אַ באַרג
האָט זיך ווער צעלאַכט —

כאַ־כאַ־כאַ!... כאַ־כאַ־כאַ!...
ווער־זשע לאַכט עס דאָרט?
כאַ־כאַ־כאַ!... כאַ־כאַ־כאַ!...
מער דאָך ניט קיין וואָרט.

ב. י. ביאַלאָסטאָצקי

19.—אַ מעשהלע

אין הימל שווימט אַ וואָלקנדל,
אַ וואָלקנדל אָן רו.
יע וואָלקנדל, ניט וואָלקנדל —
דאָס איז דאָך בלויז אַ מעשהלע,
אַ ציגעלע אַ ווײַסעלע...
דאָס וואָלקנדל ביסטו.

פֿון הימל פֿאַלט אַ רעגנדל,
עס מאַכט דער טאָג זיך צו.
יע רעגנדל, ניט רעגנדל —
דאָס איז דאָך בלויז אַ מעשהלע,
אַ ציגעלע אַ ווײַסעלע...
דאָס רעגנדל ביסטו.

עס שלאָפֿט אין פֿעלד אַ זאַנגעלע,
אַ זאַנגעלע, ליו, ליו.
יע זאַנגעלע, ניט זאַנגעלע —
דאָס איז דאָך בלויז אַ מעשהלע,
אַ ציגעלע אַ ווייסעלע...
דאָס זאַנגעלע ביסטו.

אַ מיל, אַ מיל, אַ מילכעלע,
און פֿליגלען פֿיר: זשו-זשו.
יע מילכעלע, ניט מילכעלע —
דאָס איז דאָך בלויז אַ מעשהלע,
אַ ציגעלע אַ ווייסעלע...
דאָס מילכעלע ביסטו.

***

אַ וואָלקנדל, אַ רעגנדל,
אַ, מאַך די אויגן צו.
ניט וואָלקנדל! ניט רעגנדל!
ניט זאַנגעלע! ניט מילכעלע!
ניט ציגעלע, ניט ווייסעלע —
מײַן מיידעלע ביסטו...

פֿאָלקסליד

20.—אַ ניגונדל

האָבן מיר אַ ניגונדל,
אין נחת און אין פֿריידן.

אין נחת און אין פֿריידן.
זינגען מיר עס, זינגען מיר עס,
קלינגט עס אַזוי שיין.
דאָס האָט דאָך געזונגען
די באָבע מיטן זיידן,
ווען זיי זײַנען קינדער נאָך געווען אַליין.
אוי, אוי, אוי, אָט אַזוי־זשע
ווי דער ניגון קלינגט אַצינדער,
אַזאַ פֿריילעכס, אַזאַ פֿריילעכס
זינגט־זשע, קינדער.
אָט אַזוי־זשע ווי דער ניגון קלינגט אַצינדער
אַזאַ פֿריילעכס לאָמיר אַלע גיין.

האָבן מיר אַ ניגונדל,
זינגען מיר צוזאַמען,
זינגען מיר צוזאַמען.
זינגען מיר עס, זינגען מיר עס,
קלינגט עס אַזוי שיין.
דאָס האָט דאָך געזונגען
דער טאַטע מיט דער מאַמען
ווען זיי זײַנען קינדער נאָך געווען אַליין.
אוי, אוי, אוי, אָט אַזוי־זשע אאַז"וו.

האָבן מיר אַ ניגונדל
אין מזל און אין ברכה,
אין מזל און אין ברכה.
זינגען מיר עס, זינגען מיר עס
קלינגט עס אַזוי שיין.
דאָס האָט דאָך געזונגען
די גאַנצענע משפּחה,
ווען זיי זײַנען קינדער נאָך געווען אַליין.
אוי, אוי, אוי, אָט אַזוי־זשע אאַז"וו.

דאָס דריטע יאָר

ש. צעסלער

21.—מיר גייען

צעשטעלט זיך נאָר, קינדער, מיט וואַנדער־געמיט,
אַזוי ווי די העלדן אין רייען.
און הילכיק זאָל קלינגען דאָס ייִדישע ליד:
מיר גייען, מיר גייען, מיר גייען!

אַרויס פֿון דעם שטאָטישן טומל און דראַנג,
אויף זוניקע וועגן, שפּאַצירן.
פֿאַרשפּרייטן דאָס ייִדישע וואָרט דורך געזאַנג,
מיר גייען, מיר גייען, מיר גייען!

זאָל העלפֿן אונדז זינגען דאָס ווינטל אין פֿעלד,
אין רוימען די קלאַנגען צעוויייען.
פֿאַרשפּרייטן דעם ניגון אין גאַר-גאַרער וועלט,
מיר גייען, מיר גייען, מיר גייען!

און זאָלן זיך וועלדער אויף באַרג און אין טאָל
מיט אונדזערע לידער דערפֿרייען.
דאָס עכאָ זאָל מיטזינגען הויך אויפֿן קול:
מיר גייען, מיר גייען, מיר גייען!

צעשטעלט זיך נאָר, קינדער, מיט וואַנדער-געמיט,
אאַז"וו.

עפּשטיין

22.—עפּל-ביימעלע

אין גאָרטן שטייט אַ ביימעלע,
מיט בלימעלעך באַדעקט.
— „דו וועסט אונדז געבן עפּעלעך?"
האָב איך ביי אים געפֿרעגט.

— „איך וועל דיר געבן רויטינקע,
פֿיל עפּל אָן אַ צאָל.
נאָר בעט דעם בייזן ווינטעלע,
אַז ער ניט בלאָזן זאָל."

— „דו, ווינטעלע, דו טייַערער,
דו בלאָז דאָ ניט אַרייַן.
עס איז אַ שאָד די בלימעלעך,
עס וועלן עפּל זייַן."

אין גאָרטן שטייט אַ ביימעלע אאַז"וו.

מ. ד. גיסער

23.—שיינער פֿויגל

שיינער פֿויגל, פֿלי און פֿלי,
זינג אַ לידל אין דער פֿרי.
זינג און טרילער, טרילערי,
הייבט אַ טאָג זיך אָן פֿון מי.

אײַנגעשפּאַנט אין שווערן יאָך,
אַרבעט טאַטע אַ גאַנצע וואָך.
אַרבעט גיך און אַרבעט פֿלינק,
כאָטש די אַרבעט איז ניט גרינג.

שײנער פֿויגל, אאַז״וו.

האָט דער טאָג צעעפֿנט ברייט,
זײַנע פֿענצטערלעך מיט פֿרייד.
שײַנט די זון פֿון דאָרט אַרויס,
קוקט אַרײַן צו אונדז אין הויז.

שײנער פֿויגל אאַז״וו.

י. קאַצענעלסאָן

24.—פֿעלד־אַרבעט

— „הערט נאָר, איר,
ענטפֿערט מיר,
ענטפֿערט מיר גענויער;
זאָגט מיר דאָס:
מיט וואָס, מיט וואָס,
אַקערט ערד דער פּויער?״

— „קום אַהער,
ס'איז ניט שווער,
דיר ענטפֿערן גענויער:
מיט אַן אַקער,
מיט אַן אַקער,
אַקערט ערד דער פּויער.״

— „הערט נאָר, איר,
ענטפֿערט מיר,
ענטפֿערט מיר גענויער;
זאָגט מיר דאָס:
מיט וואָס, מיט וואָס,
שנײַדט אין פֿעלד דער פּויער?״

— „קום אַהער,
ס'איז ניט שווער,
דיר ענטפֿערן גענויער:
מיט אַ קאָסע,
מיט אַ קאָסע,
שנײַדט אין פֿעלד דער פּויער.״

25.—אין אַן אָרעם שטיבעלע

אין אַן אָרעם שטיבעלע,
אָוונט־צײַט בײַם קוימען;
שפּינט אַ ליבע מאַמע דאָרט
פֿאַר דעם קינד אירס טרוימען.

זינגט זי אים אַ לידעלע,
פּאַטשט ער מיט די הענטלעך;
זינגט דאָס גאַנצע שטיבעלע,
זינגען מיט די ווענטלעך.

— „פּאַטשע, פּאַטשע קיכעלעך,
אוצרל מײַן קליינער;
טאַטע ט׳קויפֿן שיכעלעך,
זונעלע, מײַן שיינער.

טאַטע ט׳קויפֿן שיכעלעך,
מאַמע ט׳שטריקן זעקלעך;
טאַטע ט׳קויפֿן פֿערדעלעך,
מאַמע ט׳אָנטאָן גלעקלעך.״

אָט אַזוי אין שטיבעלע
הערשט אי גליק, אי פֿריידן;
זײַט בײַ זײַט מיט אָרעמקייט,
וואוינט דאָרט אַ גן־עדן.

גרעסער איז די ליבע דאָרט,
גרעסער איבער אַלעם;
שטאַרקער איז די ליבע דאָרט,
שטאַרקער ווי דער דלות.

(די 4טע סטראָפֿע ווערט געזונגען ווי די 3טע;
די 5טע און 6טע — די די ערשטע צוויי).

26.—זיאַמעלע

(געשריבן פֿון אַ קינד אין אַ נאַציזשן
טויטן־לאַגער)

יעדער רופֿט מיך זיאַמעלע.
אַך, ווי מיר איז שווער...
כ׳האָב געהאַט אַ מאַמעלע,
כ׳האָב זי שוין ניט מער.

כ׳האָב געהאַט אַ טאַטעלע,
האָט ער מיך געהיט;
איצט בין איך אַ שמאַטעלע,
ווײַל איך בין אַ ייִד.

כ׳האָב געהאַט אַ שוועסטערל —
איז זי מער נישטאָ;
אַך, וואו ביסטו, אסתּרל,
אין דער שווערער שעה?

ערגעץ בײַ אַ ביימעלע,
ערגעץ בײַ אַ פּלויט,
ליגט מײַן ברודער שלמהלע,
פֿון אַ דײַטש געטויט.

גאָט! דו קוק פֿון הימעלע
אויף דער ערד אַראָפּ;
קוק צו ווי דײַן בלימעלע,
רײַסט דער גזלן אָפּ.

ביז דו, דאָס שטאַרקסטע רינגעלע
פֿון דײַן פֿאָלק און לאַנד,
באַצאָלן וועסט פֿאַרן ייִנגעלע,
פֿאַר אונדזער טויט און שאַנד.

יהואָש

27.—כ׳קען עס ניט פֿאַרשטיין

קומט אַ פֿויגל צו מײַן שטוב,
קלאַפּט ער דרײַ מאָל אָן.
פֿויגל קליין, דו פֿויגל שיין —
וואָס קען איך דיר טאָן?
צווי-צווי-צווי און צווי-צווי-צווי
און קיין וואָרט ניט מיין.
צווי-צווי-צווי און צווי-צווי-צווי,
כ׳קען עס ניט פֿאַרשטיין.

קום איך צו אַ וואַסערל,
הער איך ווי עס שרײַט.
וואַסער ליבער, זאָג מיר וואָס
דײַן געשריי באַטײַט?
פליו-פליו-פליו און פליו-פליו-פליו
און קיין וואָרט ניט מיין.
פליו-פליו-פליו און פליו-פליו-פליו,
כ׳קען עס ניט פֿאַרשטיין.

שושקעט זיך דאָס גאַנצע פֿעלד,
ווען איך גיי פֿאַרבײַ.
זאַנגען ליבע, זאָגט וואָס מיינט
אײַער שושקערײַ?
שו־שו־שו און שו־שו־שו
און קיין וואָרט ניט מיין.
שו־שו־שו און שו־שו־שו,
כ׳קען עס ניט פֿאַרשטיין.

י. ל. פרץ

28.—אַ וויגליד

שטייט אין פֿעלד אַ ביימעלע,
האָט עס גרינע צווײַגעלעך.
זיצט דערויף אַ פֿייגעלע,
מאַכט עס צו די אייגעלעך.

אויף די גרינע צווײַגעלעך,
וואַקסט אַ גאָלדן עפּעלע.
מאַך צו, מײַן קינד, די אייגעלעך,
אַ ברכה אויף דײַן קעפּעלע.

אויף די גרינע צווײַגעלעך,
שלאָפֿן שוין די פֿייגעלעך.
די מאַמע זינגט זיי: אַ־אַ־אַ...
עס איז אַ שטילע נאַכט, אַ־אַ...

29.—אַ גוטע נאַכט

שײַנען שטערן אויפֿן הימל,
די לבֿנה לײַכט אַ פּראַכט;
הימל, שטערן און לבֿנה
ווינטשן אונדז אַ גוטע נאַכט,
גוטע נאַכט, אַ גוטע נאַכט.

הימל, שטערן און לבֿנה
וואָס האָט איר פֿאַר אונדז געבראַכט?
שטילע רו און זיסן חלום
און אַ ליבע, גוטע נאַכט,
גוטע נאַכט, אַ גוטע נאַכט.

דוד איינהאָרן

30.—נאָר אַ מאַמע

אײַ־ליו, ליו, אײַ, ליו, ליו,
אײַ, ליו־ליו, אײַ, ליו, ליו,
וואויל איז דעם וואָס האָט אַ מאַמען
און אַ וויגעלע דערצו.
אײַ־ליו, אײַ־ליו, ליו.

אַלצדינג קען מען דאָך באַקומען,
אַלצדינג קריגט מען דאָך פֿאַר געלט.
נאָר אַ מאַמע, זי איז איינע,
מער ניט איינע אויף דער וועלט.
אײַ־ליו, אײַ־ליו, ליו.

שלאָף, מײַן טײַערער, שלאָף, מײַן ליבער,
מאַך די אויגן צו און רו.
גוט איז דעם וואָס האָט אַ מאַמע
און אַ וויגעלע דערצו.
אײַ־ליו, אײַ־ליו, ליו.

דאָס פֿערטע יאָר

פֿאָלקסליד

31.—ס'פֿאַלט אַ שניי

ס'פֿאַלט אַ שניי, ס'פֿאַלט אַ שניי,
טאָג און נאַכט, טאָג און נאַכט.
נאָר איך ניי, נאָר איך ניי
און איך טראַכט, און איך טראַכט:

אין דרויסן גייט אַ רעגן (2)
און עס פֿאַלט אַ שניי. (2)
מײַנע יונגע יאָרן
האָב איך אָנגעוואָרן,
זיצנדיק שטענדיק בײַם געניי. (2)
ס'פֿאַלט אַ שניי, ס'פֿאַלט אַ שניי,
טאָג און נאַכט, טאָג און נאַכט.

י. ראַלניק

32.—סערפּ און קאָסע

ס׳קלינגען סערפּ און קאָסע,
ס׳איז די צײַט פֿון שניט.
כ׳הער באַקאַנטע שטימען,
כ׳הער די שניטערס טריט.

כ׳זע די מיידלעך קומען
מיט בלומען אין די האָר.
זיי גייען און זיי זינגען
צוזאַמען אין אַ כאָר.

עס ברעכן זיך די וועגן
פֿון שווערער סנאָפּעס־לאַסט.
צו זאַט וועט איצטער עסן
ווער ס׳האָט ביז הײַנט געפֿאַסט.

איך וועל אין פֿעלד אַרויסגיין
זען וואָס איז מיר באַשערט,
איך האָב דאָך אויך אַ חלק
אויף אונדזער פֿרײַער ערד.

מ. בראָדעריזאָן

33.—בלומען

פֿעלדער גרינען, וועלדער רוישן,
גייען מיר מיט פֿולע קוישן
בלומען אָן אַ שיעור.
גייען מיר אַרומגענומען
און באַקראַנצט מיט יונגע בלומען
אין דעם בונטן ציר.

זינגען, שפּרינגען מיר און טאַנצן,
און פֿון גליק די אויגן גלאַנצן
בלומענדיק און ריין.
ווער באַקראַנצט וויל זײַן מיט בלומען,
זאָל צו אונדז, צו אונדז זאָל קומען,
קומען זאָל צוגיין.

פֿאָלקסליד

34.—רעגנדל

כ'האָב געהאַט אַ מאַמעניו,
האָט זי מיר געזאָגט: מײַן קינד,
זיי נאָר גוט און פֿרום און וויים
מער קיין חכמות ניט.

רעגן, רעגן, רעגנדל,
כ'בין אַן אָרעם מענטשעלע,
לאָז איך זיך באַרעגענען,
כ'וויים קיין חכמות ניט.
א־א־א־א...

כ'האָב געהאַט אַ טאַטעניו,
האָט ער מיך אויסגעלערנט:
אלף־בית אויף אויסנווייניק,
מער קיין חכמות ניט.
רעגן, רעגן, רעגנדל, אאז"וו.

כ'האָב געהאַט אַ רביניו
האָט ער מיך אויסגעלערנט:
סידור, חומש, דאַווענען,
מער קיין חכמות ניט.
רעגן, רעגן, רעגנדל, אאז"וו.

ה. מייטין

35.—קינדער וויינען

ס'וויינען ביימעלעך אין וואַלד.
יעדער צווײַגל יאָמערט ביטער.
בלאַט נאָך בלאַט אין טרויער פֿאַלט —
שטייט דער וואַלד אין שרעק און ציטער.

ס'וויינען פֿייגעלעך אין וואַלד,
הערט מען שוין ניט מער קיין לידער.
נעסט נאָך נעסט אין שטויב צעפֿאַלט —
וויינען פֿייגל, וויינען ביטער.

ס'וויינען קינדערלעך אין וואַלד,
ס'גייט דער טויט אום ווי אַ שניטער;
קינד נאָך קינד פֿון הונגער פֿאַלט —
שטייט די וועלט און יאָמערט ביטער.

ש. פּרוג

36.—מי און אַרבעט

אַ לויב און לעזאַנג דער מי און דער אַרבעט,
זינגט, גריסט זיי פֿון האַרצן מיט ליבשאַפֿט און היים.
געזונט זאָלן זײַן די הענט מיט מאַזאָליעס,
דער שטערן פֿון וועלכן עס גיסט זיך דער שוויים.

געבענטשט זאָלן זײַן דער וואַרשטאַט, דאָס שפּינדל,
דער האַמער, די סאָכע, דער סערפּ און די זעג.
די וועלט איז פֿאַר איינעם אַ בליענדער גאָרטן,
פֿאַר טויזנט — אַ שווערער, אַ זומפּיקער וועג.

דער סערפּ איז פֿון שטאָל, דער האַמער — פֿון אײַזן,
קיין צירונג קיין גרויסע זײַנען זיי ניט.
אין זיי אָבער ליגט אונדזער קראַפֿט, אונדזער לעבן,
אָן זיי איז אוממעגלעך אָן איינציקער טריט.

טאָ לויבט־זשע און זינגט דער מי און דער אַרבעט,
זינגט, גריסט זיי פֿון האַרצן מיט ליבשאַפֿט און היים.
געזונט זאָלן זײַן די הענט מיט מאַזאָליעס,
דער שטערן פֿון וועלכן עס גיסט זיך דער שוויים.

מאָריס ראָזענפֿעלד

37.—גלות־מאַרש

מיט דעם וואַנדער־שטאָק אין האַנט,
אָן אַ היים און אָן אַ לאַנד.
אָן אַ גואל, אָן אַ פֿרײַנד,
אָן אַ מאָרגן, אָן אַ הײַנט.
ניט געדולדעט, נאָר געיאָגט,
וואו גענעכטיקט, ניט געטאָגט.
תמיד וויי, וויי, וויי . . .
תמיד גיי, גיי, גיי . . .
תמיד שפּאַן, שפּאַן, שפּאַן . . .
כל זמן כוח איז פֿאַראַן . . .

און אַזוי, אַ, יאָר נאָך יאָר.
און אַזוי, אַ, דור נאָך דור.
אָן אַ האָפֿנונג, אָן אַ צוועק,
אײַנגעהילט אין גרויל און שרעק,
וואַנדלען מיר לאַנד אויס, לאַנד אײַן.
פֿון יסורים נאָר צו פּײַן.

תמיד טרעט, טרעט, טרעט...
תמיד בעט, בעט, בעט...
תמיד נויט, נויט, נויט...
און קיין גליק אויך ניט צום טויט...

מיט דעם וואַנדער־שטאָק אין האַנט,
אָן אַ היים און אָן אַ לאַנד.

ש. אַנסקי

38.—מיר וואַנדערן

מיר וואַנדערן, מיר וואַנדערן,
פֿון איין לאַנד אין דעם אַנדערן,
דורך הונגער און דורך קעלט;
פֿאַרוואָגלטע, פֿאַרביטערטע,
פֿאַרפֿאָלגטע און פֿאַרציטערטע,
מיר, פֿרעמדע פֿון דער וועלט.

פֿון גלות טויזנט־יאָריקן,
פֿון הײַנט און פֿון אַמאָליקן,
האָט אונדז זיך אָפּגעשטעלט:
אַ רײַכטום גאָר אָן אַנדערער,
אַ כּוח פֿון אַ וואַנדערער,
וואָס גייט אום אויף דער וועלט.

מיר טראָגן זוימען אייביקע,
פֿון גלייביקע, פֿון הייליקע,
אַ רויטע זון אונדז העלט;
מיר טראָגן אין דער אַרבעטס־גאַס,
דורך פֿײַער, בלוט און מענטשן־האַס,
אַ קומענדיקע וועלט.

אַ נײַע וועלט, אַ גרעסערע,
אַ שענערע, אַ בעסערע,
וועט ווערן אויפֿגעשטעלט;
מיר בויען זי מיט אונדזער בלוט,
מיט אונדזער גײַסט, מיט אונדזער מוט,
מיר, בירגער פֿון דער וועלט.

מיר וואַנדערן, מיר וואַנדערן,
פֿון איין לאַנד אין דעם אַנדערן...

י. ל. פרץ

39.—טרייסט מײַן פֿאָלק

טרייסט מײַן פֿאָלק, עס דאַרף די טרייסט.
שטאַרקט דאָס האַרץ, מאַכט פֿעסט דעם גײַסט.
זײַט נישט דער ווינט וואָס לעשט דעם פֿלאַם,
נאָר בלאָזט אים אויף, ווײַל נאַכט איז סם.
נאָר בוימל גיסט און פּוצט די קנויט,
ווײַל נאַכט איז גיפֿט און שלאָף איז טויט.
טרייסט מײַן פֿאָלק, עס דאַרף די טרייסט.

טרייסט מײַן פֿאָלק, עס דאַרף די טרייסט.
מאַכט פֿעסט דאָס האַרץ און שטאַרקט דעם גײַסט.
עס האָט געלײַכט שוין נישט איין נאַכט.
עס האָט געזיגט שוין נישט איין שלאַכט.
און נישט געלאָזט די פֿאָן פֿון האַנט.
עס שטייט אַן אײַזן־פֿעסטע וואַנט
אין ווילדן ווילד־פֿאַרקאָכטן ים.

טרייסט מײַן פֿאָלק, עס דאַרף די טרייסט.

יהודה הלוי

40.—ים־ליד

כ'האָב פֿאַרגעסן אַלע ליבסטע,
כ'האָב פֿאַרלאָזט מײַן אייגן הויז,
כ'האָב דעם ים זיך אָפּגעגעבן,
טראָג מיך, ים, צו מוטערס שויס.

און דו, מערבֿ־ווינט געטרײַער,
טרײַב מײַן שיף צו יענעם ברעג,
וואָס מײַן האַרץ מיט אָדלער־פֿליגלען
זוכט שוין לאַנג צו אים אַ וועג.

ברענג מיך נאָר אַהין בשלום,
און נאָך דעם פֿלי זיך דיר צוריק,
גריסן זאָלסטו אַלע ליבסטע
און דערצייל זיי פֿון מײַן גליק.

און דו, מערבֿ־ווינט געטרײַער, אאז"וו.

יום־טוב־לידער

מ. ראָזענפעלד

41.—ליכטעלעך

אָ, איר קליינע ליכטעלעך,
איר דערציילט געשיכטעלעך,
מעשהלעך אָן צאָל;
איר דערציילט פון בלוטיקייט,
בריהשאַפט און מוטיקייט,
וואונדער פון אַמאָל.

ווען איך זע אײַך שמינקלענדיק,
קומט אַ חלום פינקלענדיק,
רעדט אַן אַלטער טרוים;
ייִד, דו האָסט געקריגט אַמאָל,
ייִד, דו האָסט געזיגט אַמאָל —
גאָט! דאָס גלייבט זיך קוים.

אַלעף כּץ

42.—אַכט קליינע ברידער

אַכט קליינע ברידער
פון אַ גרויסן פלאַם,
זינגען שטומע לידער
פון אַ בראַוון שטאַם.

פון אַ שטאַם פון קריגער,
מוטיק און געטרײַ —
און פון שטאָלצע זיגער
איבער שקלאַפערײַ.

אַכט שטומע עדות,
אײַער ליכט דערמאָנט
אין די עלטער־זיידעס,
פון אַ ווײַטן לאַנד.

מ. ריוועסמאַן

43.—אוי, חנוכה

אוי, חנוכה, אוי חנוכה,
אַ יום־טוב, אַ שיינער;
אַ לוסטיקער, אַ פריילעכער,
נישטאָ נאָך אַזוינער;

אַלע נאַכט אין דריידל
שפּילן מיר.
זודיק־הייסע לאַטקעס
עסט אָן אַ שיעור.
געשווינדער,
צינדט, קינדער,
די דינינקע ליכטעלעך אָן.
זאָל יעדערער באַזונדער,
באַזינגען דעם וואונדער
און טאַנצן פֿריילעך אין קאָן.

בן אהרן

44.—אַ דריידל

סאָלאָ: איך בין אַ קליינער דריידל,
געמאַכט בין איך פֿון בלײַ.
טאָ קומט־זשע אַלע שפּילן
אין דריידל — איינס, צוויי, דרײַ.

אַלע: אוי, דריידל, דריידל, דריידל,
אוי, דריי זיך, דריידל — דריי.
טאָ לאָמיר אַלע שפּילן,
אין דריידל איינס און צוויי.

סאָלאָ: און איך האָב ליב צו טאַנצן,
זיך דרייען אין אַ ראָד;
טאָ קומט־זשע אַלע טאַנצן
אַ דריידל־קאַראַהאָד.

אַלע: אוי, דריידל, דריידל, דריידל,
אוי, דריי זיך אין אַ ראָד;
קומט, לאָמיר אַלע טאַנצן —
אַ דריידל־קאַראַהאָד.

אברהם רייזען

45.—ברוך אתה

ברוך אתּה
זינגט דער טאַטע
און ער צינדט די ליכט,
און די שטראַלן
מילדע פֿאַלן
אויף זײַן בלאַס געזיכט.

און אַ פֿײַער,
הייליק, טײַער,
אין די אויגן לײַכט,
און דער מידער
מיט די גלידער
האָט זיך אויסגעגלײַכט.

און עס דאַכט זיך,
און עס טראַכט זיך:
ס׳איז נאָך עפּעס דאָ;
ס׳איז געבליבן
וואָס צו ליבן —
הייליק איז די שעה.

אַלטע קלאַנגען,
לאַנג פֿאַרגאַנגען —
ניין! ס׳קלינגט נאָך אַצינד...
זינג מיר, טאַטע,
ברוך אתה —
און איך בלײַב דײַן קינד.

מ. ריוועסמאַן

46.—פּורים

הײַנט איז פּורים, ברידער,
עס איז דער יום-טובֿ גרויס.
לאָמיר זינגען לידער
און גיין פֿון הויז צו הויז.

לאַך, ייִדעלע, לאַך,
אַ יום-טובֿ דיר מאַך —
קינדס קינדער געדענקען דעם נס;
זינגט, קינדערלעך, זינגט!
טאַנצט פֿריילעך און שפּרינגט,
דעם טײַערן טאָג ניט פֿאַרגעסט.

הײַנט איז פּורים, ברידער, אאַז״וו.

47.—המן-טאַשן

יאַכנע דוואָשע פֿאָרט אין שטאָט,
האַלט זיך אין איין פּאַקן;
זי דאַרף אויף פּורים קויפֿן מעל,
המן-טאַשן באַקן.

האָפּ! מײַנע המן־טאַשן,
האָפּ! מײַנע ווײַסע,
האָפּ! מיט מײַנע המן־טאַשן
האָט פּאַסירט אַ מעשה.

ס׳גייט אַ רעגן, ס׳גייט אַ שניי,
ס׳קאַפּעט פֿון די דעכער.
יאַכנע פֿירט שוין קאָרן־מעל,
אין אַ זאַק פֿול לעכער.

האָפּ! מײַנע המן־טאַשן, אאַז״וו.

יאַכנע טראָגט שוין שלח־מנות
צו דער מומע יענטע.
צוויי־דרײַ שוואַרצע המן־טאַשן,
האַלב רוי, האַלב פֿאַרברענטע.

האָפּ! מײַנע המן־טאַשן, אאַז״וו.

אַברהם רייזען

48.—אויפֿן ניל

שווימט דאָס קעסטל אויפֿן טײַך,
אויפֿן גרויסן ניל;
שווימט דאָס קעסטל רואיק, גלײַך,
שווימט דאָס קעסטל שטיל.

און די כוואַליעס גייען זיך,
גייען זאַכט און לינד;
ווי זיי וואָלטן היטן זיך,
טאָן אַ בייז דעם קינד.

שווימט דאָס קעסטל אויפֿן טײַך, אאַז״וו.

אָ, די כוואַליעס זײַנען דאָך
ניט ווי פּרעה שלעכט;
ניט דערטרינקען וועלן זיי
משיחן פֿון קנעכט.

שווימט דאָס קעסטל אאַז״וו.

דוד עדעלשטאַט

49.—פּיראַמידן

אין דעם לאַנד פֿון פּיראַמידן,
געווען אַ קעניג בייז און שלעכט.

געוועזן זײַנען אַלע ייִדן
זײַנע דינער, זײַנע קנעכט.

קינדער האָט מען דאַן פֿאַרמויערט,
ווען אַ ציגל האָט געפֿעלט;
ווער ווייסט ווי לאַנג עס וואָלט געדויערט
אָט די וויסטע שקלאַפֿן־וועלט!

ווען אין לאַנד פֿון פּיראַמידן
וואָלט ניט זײַן אַ גרויסער העלד,
וועלכער האָט געקעמפֿט פֿאַר ייִדן,
מיט זײַן חכמה, מיט זײַן שווערד.

פֿאָלק, ווער וועט דיך הײַנט באַפֿרײַען?
וואו איז איצט דײַן גרויסער העלד?
אויף דײַן וויינען, אויף דײַן שרײַען,
ווער וועט ציִען איצט זײַן שווערד?

פֿאָלקסמאָטיוו

50.—אליהו הנביא

אליהו הנבֿיא,
אליהו התשבי,
אליהו, אליהו,
אליהו הגלעדי.

אַלע וואַרטן, יונג און אַלט,
ברענג דערלייזונג, קום־זשע באַלד
מיט משיח בן דוד,
מיט משיח בן דוד.

י. לאָקאָווסקי

51.—חד גדיא

כ'האָב פֿאַר אײַך אַ מעשהלע,
אַ מעשהלע גאָר שיין;
דער טאַטע האָט אַ ציגעלע
געקויפֿט פֿאַר צוויי גילדיין.
אַ ציגעלע, אַ ווײַסינקע,
אַ שיינינקע ווי גאָלד,
און צוויי גילדיין מזומנע
האָט ער פֿאַר איר באַצאָלט.
חד גדיא, חד גדיא...

איז דאָך אין הויף אַ קאַץ געוועזן,

אַ מזיק, ווי באַוואוסט;
האָט קעצלען זיך פֿאַרצוקן גאַר
דאָס ציגעלע פֿאַרגלוסט.
דערזעען האָט עס הינטעלע,
פֿאַרדריסט עס אים גאַנץ שטאַרק;
ער וואַרפֿט זיך אויף דער בייזער קאַץ
און בײַסט איר אײַן אין קאַרק.
חד גדיא, חד גדיא...

קומט שטעקעלע אין כּעס אַרײַן
און טראַכט גאָרניט קיין סך
און שפּאַלט דאָס קעפּל הינטעלען —
דו, הונט! ס'איז ניט דײַן זאַך.
צעפֿלאַקערט האָט זיך פֿײַערל,
פֿאַר כּעס צונטער־רויט:
דו, שטעקעלע! דו, פֿלעקעלע!
איך מאַך דיר באַלד אַ טויט!...
חד גדיא, חד גדיא...

מ. מ. וואַרשאַווסקי

52.—שמחת־תּורה

קינדער, מיר האָבן שמחת־תּורה,
שמחת־תּורה אויף דער גאַנצער וועלט.
תּורה איז די בעסטע סחורה —
אַזוי האָט דער רבי מיט אונדז געקנעלט.
אוי־ווײ, אוי־אוי־אוי!
פֿריילעך, קינדער, אָט אַזוי!
רענדלעך פֿאַלן פֿון די זעק,
פֿריילעך אָן אָן עק.

כאָטש איך בין מיר אָן אָרעם ייִדל,
און עס דאַרט מיר גוט דער מוח;
שמחת־תּורה זינג איך אַ לידל
און מאַך אַ גוטע כּוסע אויך.
אוי־ווײ, אוי־אוי־אוי, אאַז"ו.

דבֿורה, גיב מיר די נײַע קאַפּאָטע,
איך וועל זי אָנטאָן טאַקע אַצינד.
כ'וועל דיר זאָגן, אַז אַלץ איז בלאָטע,
אַבי מען איז ברוך השם געזונט!
אוי־ווײ, אוי־אוי־אוי אאַז"ו.

מ. סאָרעריוועס

53.—ערשטער מײַ

וועמעס שטימען הער איך קלינגען?
נײַע לידער זאָל מען זינגען!
אָל דאָס בייזע איז פאַרבײַ.
מיט דעם ווינטער קאַלטן, לאַנגן,
רײַך אין פאַרבן, רײַך אין קלאַנגען —
קומט צו גיין דער ערשטער מײַ.

וועמעס שטימען הער איך קלינגען?
פרײַע לידער זאָל מען זינגען!
ס'נעמט אַ סוף צו שקלאַפערײַ!
פרײַ די קלאַנגען, לויז די קייטן...
העל באַפוצט מיט פרישע קווייטן
קומט צו גיין דער ערשטער מײַ.

וועמעס שטימען הער איך קלינגען?
הויך און מונטער זאָל מען זינגען!
זאָל זיך טראָגן פראַנק און פרײַ
אונדזער ליד אין אַלע עקן,
צו אַ נײַעם לעבן וועקן
קומט צו גיין דער ערשטער מײַ.

הימנען, באַגריסונגען און ניגונים

א. ליעסין

54.—אַרבעטער־רינג־הימען

מיר האָבן די היימישע פלאַמען,
שוין צענדלינגער יאָרן געהיט.
זיי האָבן אויך הינטער די ימען,
פאַר אונדז אַזוי ליב נאָך געגליט.
זיי האָבן אונדז גלוטיק צוזאַמען
אין אַ רינג פון אַן אָרדן געשמידט.

און אַלע פאַר איינעם,
און איינער פאַר אַל'
באַלויכטן אין איינעם
פון איין אידעאַל,
דעם גרויסן, דעם שיינעם —
פון אַרבעטער־כּלל.

נחום יוד

55.—שול־ליד

לאָמיר זינגען אַ ליד צו דער ייִדישער שול,
וואָס איז אַלעמען אונדז אַזוי טײַער;
לאָמיר זינגען מיט פֿרייד און מיט האָפֿענונג פֿול
אויף אַ וועלט אַ באַפֿרײַטער, אַ נײַער.

אונדזער שול פֿון דעם אַרבעטער־רינג איז אַ פֿרייד,
וואָס וועט העל אונדזער לעבן באַשטראַלן;
אונדזער שול איז אַ לויטערער קוואַלוואָסדערפֿרייט.
לאָמיר טרינקען פֿון אונדזערע קוואַלן.

לאָמיר לערנען פֿון די וועלכע האָבן געבויט,
און אין קאַמף זייער מוט ניט פֿאַרלאָרן;
לאָמיר טראָגן דעם גײַסט וואָס מען האָט אונדז
פֿאַרטרויט,
שוין פֿון טויזנטער, טויזנטער יאָרן.

צו דער אַרבעטער־שול, צו דער ייִדישער שול,
וואָס איז אַלעמען אונדז אַזוי טײַער,
לאָמיר זינגען מיט פֿרייד און מיט האָפֿענונג פֿול
אויף אַ וועלט אַ באַפֿרײַטער, אַ נײַער.

אפֿרים אויערבאַך

56.—אונדזער ערד

וואו אַ באַרג, אַ טאָל, אַ פליין;
וואו אַ זון גייט אויף, פֿאַרגייט;
וואו אַ ברעג, אַ זאַמד, אַ שטיין —
דאָרט איז אונדזער פֿאָלק פֿאַרזייט.
אונדזער לעבן — אויסגעשמידט
אין אַ פֿײַערדיקער קייט.
ייִדיש וואָרט, האָסט אויפֿגעהיט
אונדזער צער און אונדזער פֿרייד.

נישט קיין לאַנד — אַ וועלט מיט לאַנד.
נישט קיין ערד — אַ וועלט מיט ערד.
דורות אונדזערע — געשפּאַנט
קעגן אָנגעשאַרפֿטער שווערד.
אונדזער לעבן — אויסגעשמידט, אאַז״וו.

שלאָגט די שעה — צעקלינגט דער גלאָק,
ס׳האָט אַן אָנזאָג זיך צעשאַלט.

שפּראַצט אַרויס אַ נײַער טאָג —
אונדזער זון האָט אויפֿגעשטראַלט.
אונדזער לעבן — אויסגעשמידט, אַאַז״וו.

ש. אַנסקי

57.—די שבֿועה

ברידער און שוועסטער פֿון אַרבעט און נויט,
אַלע וואָס זײַנען צעזייט און צעשפּרייט,
צוזאַמען, צוזאַמען, די פֿאָן איז גרייט,
זי פֿלאַטערט פֿון צאָרן, פֿון בלוט איז זי רויט,
אַ שבועה, אַ שבועה אויף לעבן און טויט.
הימל און ערד וועט אונדז הערן,
עדות די ליכטיקע שטערן,
אַ שבועה, אַ שבועה פֿון בלוט און פֿון טרערן,
מיר שווערן, מיר שווערן, מיר שווערן!

58.—מקבל פּנים זײַן

לאָמיר אַלע אין איינעם, אין איינעם
— — — — מקבל פּנים זײַן (2)
לאָמיר אַלע אין איינעם, אין איינעם (2)
לוסטיק און פֿריילעך זײַן.

59.—לאָמיר באַגריסן

לאָמיר — — — — — באַגריסן (2)
לאָמיר, לאָמיר, לאָמיר,
לאָמיר, לאָמיר, לאָמיר,
לאָמיר — — — — באַגריסן.

אין די צוויי באַגריסונג-לידער זינגט מען דעם נאָמען פֿון דעם וואָס ווערט באַגריסט, אויפֿן אָרט וואו די שריכעלעך זײַנען.

60.

און אַז דער לערער לערנט,
און אַז דער לערער לערנט,
לערנען אַלע קינדער.
— — — — — — — —

מען קען אנשטאט „לערנט" — נוצן: רעדט, לייענט, שרײַבט — וואָס מען וויל.

61.—אַ פריילעכס
(אַ חסידישער ניגון)

62.—ריקודל
(אַ חסידישער ניגון)

אינהאַלט

דאָס ערשטע יאָר

1. אין שול אַרײַן
2. אַרײַן און אַרויס
3. מוזיקאַנטן
4. אַרבעט
5. אויפן פריפעטשאָק
6. אַ פידלער
7. ציפעלע
8. קומט דער ליבער זומער
9. מאַרש-ליד
10. שרהלע

דאָס צווייטע יאָר

11. מיר קומען אָן
12. די נײַע צײַט
13. מלחמה
14. ייִדיש
15. וואונדער
16. דרײַ ייִנגעלעך
17. אַלע ברידער
18. איינס און צוויי
19. אַ מעשהלע
20. אַ ניגונדל

דאָס דריטע יאָר

21. מיר גייען
22. עפל-ביימעלע
23. שיינער פויגל
24. פעלד-אַרבעט
25. אָרעם שטיבעלע
26. זאַמעלע
27. כ'קען עס ניט פאַרשטיין
28. אַ וויג-ליד
29. אַ גוטע נאַכט
30. נאָר אַ מאַמע

דאָס פערטע יאָר

31. ס'פאַלט אַ שניי
32. סערפ און קאָסע
33. בלומען
34. רעגנדל
35. קינדער וויינען
36. מי און אַרבעט
37. גלות-מאַרש
38. מיר וואַנדערן
39. טרייסט מײַן פאָלק
40. ים-ליד

יום־טוב־לידער

41. ליכטעלעך
42. אַכט קליינע ברידער
43. אוי, חנוכה
44. אַ דריידל
45. ברוך אַתה
46. פורים
47. המן-טאַשן
48. אויפן ניל
49. פיראַמידן
50. אליהו הנביא
51. חד גדיא
52. שמחת תורה
53. ערשטער מײַ

הימנען, באַגריסונגען און ניגונים

54. אַרבעטער-רינג-הימען
55. שול-ליד
56. אונדזער ערד
57. די שבועה
58. מקבל פנים זײַן
59. לאָמיר באַגריסן
60. אַז דער לערער
61. אַ פריילעכס
62. אַ ריקודל


La - la - la a tra - la - la - la - la tra - la la - la
la - la - la - la la la tra - la la - la la - la - la - la la - la - la
a a dai dai dai dai tra - la - la - la - la
la - la - la - la - la dai dai dai dai tra - la - la - la - la
la - la - la - la - la dai dai dai dai tra - la - la la la
la - la la la - la a a!



62. **RIKUDELE** .... *CHSIDISH*





60. AZ DER LERER .... *FOLKSLID*



61. A FEILECHS .... *CHSIDISH*



58. MKABL PONIM .... *FOLKSLID*



59. LOMIR BAGRISN .... *FOLKSLID*



57. DI SHVUE .... *FOLKSMOTIV*




shtein dort iz un-zer folk far- zeit un- zer
le — — bn ois - ge — — shmidt in a
fai — — er - di — ker keit yi - dish
vort hot oif — ge — hit un — zer
tzar un un — zer freid
I and II
nisht kain
shlogt di
III
freid un — zer tzar un un — zer freid



56. UNDZER ERD .... *I. TRILING*



55. DI SHUL .... *H. WOLOWITZ*



54. A. R. HYMN .... *M. POSNER*





53. ERSHTER MAY .... *M. POSNER*



con moto (Freileech)

51. CHAD GADIO .... *MICHL GELBART*



52. SIMCHAS TOIRE .... *M. WARSHAWSKY*

con moto



50. ELIOHU HANOVI .... *FOLKSMOTIV*



49. PIRAMIDN .... *FOLKSMOTIV*





48. OIFN NIL .... *MICHL GELBART*





47. HOMONTASHN .... *FOLKSLID*



45. BORUCH ATO .... *SOLOMON GOLUB*



46. PURIM .... *A. GOLDFADEN*



44. A DREIDL .... *MICHL GELBART*



43. OI CHANUKE .... *FOLKSMOTIV*



42. ACHT GLEINE BRIDER .... *M. POSNER*





41. LICHTELECH .... ***FOLKSMOTIV***





40. YAM LIDER .... *D. SHNEIER*





39. **TREIST MAIN FOLK** .... *MICHL GELBART*





38. **MIR VANDERN** .... *MICHL GELBART*



37. GOLUS MARSH .... *M. GERSHOWITZ*




zunt zo-- ln zain di hent mit ma- zo-- kes der
shte- rn fun vel-- chn es gist zich der shveis ge-
bentcht zo- ln zain der var- shtat der shpin- dl der
ha- mer di so- che der serp un di zeg di
velt iz far ei- nem a bli- en- der gor- tn far
toi- znt a shve-- rer a zum - pi- ker veg

35. KINDER VEINEN .... *MICHL GELBART*



36. MI UN ARBET .... *H. RUBIN*




zei nor gut un frum un veis mer kain choch-mes nit
re-gn re-gn re-gn-dl ch'bin an o-rim men-tche-
le loz ich zich ba-re-ge-nen
chveis kain choch-mes nit a - - -
a - - - a - - -
ch'veis kain choch-mes nit
D. C. ad Lib.

march (mit freid) **33. BLUMEN** .... *J. GLATSTEIN*



34. REGNDL .... *FOLKSLID*



march (mit freid) 32. SERP UN KOSE .... *MICHL GELBART*



31. S'FALT A SHNEI .... *FOLKSLID*





30. NOR A MAME *FOLKSMOTIV*





29. A GUTE NACHT .... *MICHL GELBART*



27. CH'KEN ES NIT FARSHTEIN *FOLKSMOTIV*



28. A VIGLID .... *MICHL GELBART*





26. **ZALMELE** .... *MICHL GELBART*



25. IN AN ORIM SHTIBELE ...... *MICHL GELBART*




Freilech
Hert nor ir ent - fert mir ent - fert mir ge- noi - er
zogt mir dos mit vos mit vos a - kert erd der poi - er
Kum a - her s'iz nit shver dir ent - fe - rn ge - noi - er
All.
mit an a - ker mit an a - ker a - kert erd der poi - er
mit an a - ker mit an a - ker a - kert erd der poi - er tra - la
la! tra - la la tra - la - la - la - la - la - la!

23. SHEINER FOIGL .... *MICHL GELBART*



24. FELD ARBET .... *J. GLATSTEIN*



22. EPL BEIMELE .... *MICHL GELBART*





21. MIR GEIEN .... *PROF. S. TZESLER*



20. A NIGNDL .... FOLKSLID



19. **A MAISELE** .... *MICHL GELBART*





18. EINS UN TZVEI .... *N. ZASLAWSKY*



16. DRAI YINGELECH .... *MICHL GELBART*



17. ALE BRIDER .... *FOLKSLID*



all-tto [tart]

15. WUNDER .... MICHL GELBART





14. YIDISH .... *H. WOLOWITZ*



12. DI NAIE TZAIT .... *FOLKSMOTIV*



13. MILCHOME .... *MICHL GELBART*




fon di fon fun ler – nen un shtu – di – rn un rit – mish
klap klap kla – pn trit in gang un hil – chik kling kling kling klingt
un – zer ge – zang mar – shirt in rei mar – shirt in rei di yun – ge –
shul di shul ar – mei mar – shirt in rei mar – shirt in
rei di yunge shul di shul ar – mei
PIANO
(VOICE) rit...
mir ku – men on mir ku – men on



10. SORELE *FOLKSLID*



11. MIR KUMEN ON ...... *H. WOLOWITZ*





8. LIBER ZUMER .... *FOLKSLID*



9. MARSH LID ... *J. GLATSTEIN*





6. A FIDLER .... *H. WOLOWITZ*



אין צווייטן און פערטן פערז, ווערן
דער פינפטער און זעקסטער טאַקט געזונגען
אויסגעצויגן, ווי פערטלען, נישט ווי אכטלען

7. TZIPELE .... *J. GLATSTEIN*





5. **OIFN PRIPETCHOK** .... *F. M. WARSHAWSKY*



3. MUZIKANTN .... *MICHL GELBART*



4. ARBET .... *MICHL GELBART*



1. IN SHUL ARAIN .... *MICHL GELBART*

con moto



2. ARAIN UN AROIS .... *FOLKSLID*

All=tto